# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען גענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת תזו"מ
תשע"ח לפ"ק
גליון י"ד

## שאלה

## וואס איז דער טעם פון מצות "ספירת העומר", און וואספארא לימוד זאלן מיר ארויסנעמען פון דער מצוה?

## ענטפער:

ספירת העומר איז א מצוה דאורייתא, און דעריבער קען איך נישט זאגן אז איך ווייס דעם טעם, אבער איך קען דיר זאגן איינס פון די זאכן וואס עס לערנט אונז.

מיר ציילן נישט וויפיל טעג עס איז דא ביז מתן תורה. אזוי וואלטן מיר עס געדארפט צו טון. פופציג טעג צו מתן תורה. נײַן און פערציג טעג צו מתן תורה. אכט און פערציג טעג צו מתן תורה. זיבן און פערציג טעג. אזוי ווייניגער און ווייניגער. אבער ניין, מיר טוען נישט אזוי. מיר ציילן פון דעם עומר. איין טאג פונעם עומר. צוויי טעג פונעם עומר. דריי טעג פונעם עומר. מיר ציילן אויף ארויף, פונעם עומר, ביז מען קומט אן צו שבועות.

פארוואס טוען מיר דאס? פארוואס ציילן מיר נישט וויפיל טעג עס איז נאך פארבליבן ביז דעם גרויסן געשעעניש פון מתן תורה? אויף דעם קוקן מיר דאך ארויס, ניין?

דער ענטפער איז אז מיר קוקן אויף צוריק. מיר קוקן צוריק אויפ'ן קרבן עומר. וואס זאגט דער קרבן עומר? די עומר זאגט אונז אז הקב"ה גיבט אונז צו עסן. "הזן ומפרנס לכל". ער שפייזט די גאנצע וועלט. דאס איז די גרעסטע זאך וואס ער טוט אין דער וועלט.

מיר ווייסן אז "קשה מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף". יעצט, פאר וועם איז עס קשה? פאר וועם איז עס שווער? מענטשן מאכן פרנסה. קוק, דו מאכסט פרנסה. און אפילו דו מאכסט פרנסה קענסטו נישט מאכן קריעת ים סוף. אויב אזוי מיינט עס אז עס איז קשה פאר'ן איבערשטן. דער באדייט איז אז פאר השי"ת איז עס א גרעסערע "נס" צו פראדוצירן עסן, ווי סיי-וועלכע אנדערע זאך. און דערפאר, נאך אלע אנדערע שבחים, נאך אלע נסים וואס מיר דערמאנען "לגוזר ים סוף לגזרים כי לעולם חסדו" און אזוי ווייטער; ער האט דערטראנקען פרעה אין די ים סוף, און מיר זאגן כי לעולם חסדו; די בני ישראל זענען דורכגעגאנגען דעם ים – כי לעולם חסדו; ער האט אונז געפירט אינעם מדבר – כי לעולם חסדו. מיר גייען דורך א לאנגע ליסטע פון נסים, און דאן צום לעצט, איז דער גרויסער אויספיר: "נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו!" – דו, באשעפער, ביזט דער וואס גיבט צו עסן פאר יעדע באשעפעניש. דאס איז דער גרעסטער נס פון אלעם. דאס איז דער קלימאקס! ווייל עסן איז די גרעסטע פון אלע נסים וואס מיר זעען. הקב"ה איז זן ומפרנס די גאנצע וועלט! די איטאליענער עסן 'סאסעדזש'. די איירישע עסן פאטעיטאס. די אמעריקאנער עסן אלעס. די אידן להבדיל עסן וואס מיר עסן. די גאנצע וועלט עסט. און די פייגלעך עסן. און די פיש עסן. נותן לחם לכל בשר - כי לעולם חסדו!

און דערפאר, ווי גרויס איז די געלעגנהייט צו דאנקען השי"ת פאר די עסן! און דער "קרבן עומר" איז הכרת הטוב פאר די עסן. איז דו זאגסט "באשעפער, דו האסט אונז געגעבן עסן איין טאג. יעצט, איז שוין צוויי טעג וואס דו גיבסט אונז עסן. יעצט, איז שוין דריי טעג און נאך אלץ גיבסטו אונז עסן. פיר טעג עסן, פינף טעג עסן. דו גיבסט אונז עסן איין טאג נאכן אנדערן. מיר זענען אזוי פרייליך אז דו פיטערסט אונז, און אויב אזוי, גייען מיר דיר דאנקען דורכ'ן מקבל זיין די תורה ביי די ענדע פון די ניין און פערציג טעג בלב שלם. אלס דאנקבארקייט צו דיר, ווייל דו ביזט זן ומפרנס לכל, און דערפאר גייען מיר מקבל זיין די תורה מיט שמחה און הכרת הטוב.

און דעריבער, טראצדעם וואס אסאך שיטות האלטן אז ברכת התורה איז נישט קיין דאורייתא, אבער יעדע איז מסכים אז ברכת המזון איז א דאורייתא. יעדער האלט אזוי. ווייל עס איז אזוי וויכטיג צו דאנקען השי"ת פאר עסן! און אפילו ביידע איז א דאורייתא, אבער די עסן איז גאר וויכטיג. אגאנצן טאג, סיי-וואו דו גייסט, זעהסטו די נס פון עסן. דו זעהסט דעם יד השם איבעראל. ווען דו גייסט דורך אן איטאליענישע רעסטאראנט און די איטאליענער עסן זייערע סאסעדזשעס, און דו קוקסט ווי זיי עסן, זאלסטו לויב השי"ת. זאג "נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו". דער אויבערשטער פיטערט די גאנצע וועלט, אגאנצן צייט!

און אויב איז "אין קמח אין תורה". אויב דו שפירסט נישט אן עכטע הכרת הטוב פאר די עסן וואס דער אויבערשטער גיבט דיר,

דעמאלטס ביזטו נישט באמת מקבל די תורה.

און דערפאר, די "לחם" וואס מיר פייערן מיט'ן עומר, גיבט אונז אזא שטארקע געפיל פון דאנק צו השי"ת. מיר זענען אזוי איבערגענומען פון גליקליכקייט און הכרת הטוב אויף וואס ער טוט פאר אונז – ער פיטערט אונז! יעדן טאג! יעדן טאג! יעדן טאג! מיר ציילן די טעג, איין טאג אויפאמאל, וואס השי"ת גיבט אונז צו עסן. מיר זענען איבערגעפילט מיט פרייליכקייט און דאנקבארקייט, אז ווען עס קומט שבועות זענען מיר גרייט צו מקבל זיין די תורה מיט'ן גאנצן הארץ, מיט א לב שלם. יעצט זענען מיר גרייט פאר קבלת התורה.

## שאלה

### זאל מען זאגן הלל ה' אייר? און אויב יא, דאן זאל מען דאס זאגן מיט אדער אהן א ברכה?

## ענטפער:

די ערשטע שאלה איז באמת, זאל מען זאגן הלל 'קאלאמבוס דעי'? ווען קאלאמבוס האט אנדעקט אמעריקע איז דאס געווען א גרויסע ברכה פארן אידישן פאלק. עס איז געווען א הכנה פאר איינע פון די גרעסטע אידישע געמיינדעס אין היסטאריע.

דעריבער, דעם קומעדיגן קלאמבוס דעי, ווען זיי פאראדירן אראפ דעם פיפטע עוועניו אין מאנהעטן, נעם דיין מחזור, אדער דיין סידור, און גיי ארויס. אויב ווערסטו דיר שפירן אזוי מרוגש צו זאגן הלל, דאן גיב נאר אכט דאס צו זאגן אהן א ברכה.

ווידער ה' אייר, זאג נישט קיין הלל אפילו אהן א ברכה. ווייל ה' אייר איז נישט קיין טאג פון פרייד. איך וויל דיר זאגן מער דערוועגן אן אנדער טאג. אבער אויפן מאמענט האב איך געענטפערט דיין פראגע.

## שאלה

### וואס זאל זיין אונזער צוגאנג צו מדינת ישראל?

## ענטפער:

אידישקייט און ציוניזם איז נישט די זעלבע זאך! די שקרנים, די ליגנערס פרובירן אונז אונז אריינצומישן. זיי פרובירן צו זאגן אז אלע אראבישע לענדער און אלע אנדערע לענדער זענען די פיינט פון די אידן. דאס איז א ליגנט! איז ווערסטו זאגן, "אבער איז עס נישט אמת אז די אראבער זענען שונאים פאר די אידן?" – עס קען זיין, אבער זיי זענען נישט אנדערש ווי אלע אנדערע גוים. די פאקט איז אז זיי זענען אנטקעגן די איזרעלישע מדינה צוליב פאליטישע סיבות וואס האט גארנישט צו טון מיט אונז, די עם ישראל.

און דערפאר טארן מיר זיך נישט ערלויבן צו ווערן אריינגעשלעפט אינעם שטורעם פון פאליטישע שנאה, וואס די ציונים וואלטן געוואלט אז מיר זאלן האבן. זיי ווילן מיר זאלן זיך אלע צושטעלן צו זייער געשלעג, כדי מיר זאלן אלע זיין אינעם זעלבן שיף, חס ושלום. מיר ווען אלע צוזאמען איינזינקען. מיר האבן גארנישט מיט זיי! גארנישט! מיר זענען א באזונדערע זאך.

און דער אמת איז אז מיר זענען סך מער ווי סתם אפגעטיילט פון זיי. זיי זענען קעגן די תורה! זיי זענען אפיקורסים! גאלדא מאיר איז אן אפיקורס. עמיצער האט מיר געגעבן אן אויסשניט די וואך. גאלדא מאיר שרייבט א מעמאואר. זי שרייבט אז אין 1917 האט זיך חתונה געהאט. האט זי געזאגט אז זי וויל נישט חתונה האבן דורך א ראביי. זי האט געזאגט אז זי איז א סאציאליסט – זי וויל נישט גארנישט וואס האט צו טון מיט תורה. זי האט געהאט א לאנגע, פארצויגענע קריגעריי מיט איר מאמע אין מילוואקי. איר מאמע האט געזאגט "דו ווערסט מיר חרוב מאכן אויב דו האסט חתונה אין סיטי-האל." אבער זי האט עס צוריקגעוויזן. זי האט נישט געוואלט.

צום סוף האט איר מאמע געזאגט "קוק, בלויז צוליב פופצן מינוט אונטער די חופה וואס דו ווילסט נישט טון, ביזטו גרייט צו רואינירן מיין נאמען אין מילוואקי?". שוין האט זי מסכים געווען צו חתונה האבן דורך א ראביי.

די מענטשן זענען אונזערע שונאים. זיי האבן פיינט אידישקייט! נישט בלויז זענען זיי גלייכגילטיג; זיי האסן עס. איר ווייסט אז ווען סאדאט (דער עגיפטישער פירער) איז געקומען קיין אמעריקע, האבן זיי אים סערווירט א מאלצייט וואס איז כשר פאר מוסולמענער. מאכמאדאנער קענען נישט אלעס עסן, און זיי האבן אים טאקע סערווירן א מאלצייט וואס זיי קענען עסן. אבער ווען די מענטשן קומען פון די כנסת, סערווירט מען טריפות! זעהט איר אז די מענטשן פרעזענטירן אונז נישט.

איז אונזער קשר מיט די אום-רעליגיעזע ציונים איז די זעלבע קשר וואס מיר האבן מיט די קריסטן. דו מוזט זיין העפליך אפילו צו א פרייער איד, און פרובירן אים צו געווינען אויף דיין זייט מיט חסד. אבער דו מוזט וויסן אז זיי זענען נישט אונזער. ווען די תורה זאגט אז א איד איז "אחיך" – דיין ברודער, מיינט עס "אחיך במצות." ער איז בלויז דיין ברודער ווען ער איז איבערגעגעבן צו טון מצות אזוי ווי דיר.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com